# אשי ישראל
# השלם



## אידיש

ל״ו



# להתעורר מהשינה

- - אוי ווײ, אוי ווײ, **עס איז א רחמנות אויף דיר און אויף מיר**!... די בת מלך האט געוויינט און געשריגן; "**ס'איז א גרויס רחמנות אויף דיר און אויף מיר**"...! אן דעם צעטעלע - אז ס'שוין דא אזעלכע ליקוטי תפלות, און אזא ליקוטי מוהר"ן - און מיר שלאפן?! מיר וואלטן געדארפט זיין אזעלכע הייליגע צדיקים אז די גאנצע וועלט זאל אונז נאכלויפן! מיר זאלן האבן אזא מין חן - א חן של אמת! און דאס האט א כח המושך - אז די גאנצע וועלט זאל נאכלויפן; "אוי ברסלב ברסלב"!...

נו, און מיר נעבעך שלאפן! דאס דאווענען איז נישט דאס דאווענען - - ווארן איך האב געהערט א דאווענען! אזוי קען מען מיינען אז מ'דאוונט גוט, אבער איך האב געהערט א דאווענען - ווען איך דערמאן זיך אין דעם דאווענען זעה אז איך שטײ אינגאנצן אינדרויסן!

און פון וואנעט האט ער דאס גענומען? אלץ פון דעם רבי'נס דיבורים! פון וואנעט איז געווארן א רבי ישראל (- קארדונער)?! ס'איז נישט שייך צו זאגן; "אמאל איז געווען א רבי ישראל"! דער הייליגער רבי איז דא - - ווער עס וויל זיך מקרב זיין און ער זאל ארויסגיין פון די הבלי העולם הזה, פון די אלע חסרונות פון די עולם הזה, פון די אלע עוונות, פון די אלע תאוות!

און אזוי איז דאס מיט די תורות, און מיט די תפלות, און מיט די מעשיות. מ'זיצט און מ'רעדט און מ'זוכט און מ'וויל - און מ'שלאפט! וויאזוי איז דאס? וויאזוי קען דאס זיין?! - -

אזוי זעה אויך מיט דעם צעטעלע, אז איך זעה עפעס אזעלעכס - וואלט איך באדארפט זיין ממש גאר אנדערש ווי די וועלט - נישט דער מענטש! נו, אזוי איז דער כח הבחירה, איך פאל אמאל אראפ אין עצבות, אין מרה שחורה, פארשידנס, מ'קען נישט דאווענען, מ'פאלט אראפ אין תאוות אכילה, אין שלאפן - - ווי האט מען צייט אויף צו עסן און אויף צו שלאפן?!

* * *